# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **ויחי - שמות** תשפ"ה ◆ עלון מס': 155

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### מיט א גאנצע כלי - ווערט הקב"ה דיין ערב

אין די וועלט דערציילט מען די פאלגענדע מעשה:
א בלוטיגע ארעמאן וואס האט זיך געוואלגערט פון איין שטאט צו די אנדערע איז אמאל אנגעקומען אין א שטאט.
פרעגענדיג ביי די ארומיגע וואו מען קען איינשטיין האט מען אים אנגעוויזן אויף א געוויסער שטוב. אריינגייענדיג אין די שטוב טרעפט ער דעם אייגענטומער און ער פרעגט אים צי ער קען האבן עפעס עסן און א געלעגער.
דער גאסטגעבער זאגט אים אז יא, ער וועט אים צושטעלן אלעס, אבער ערשט דארף ער ארבעטן אביסל און נאך דעם וואס ער באקומען זיינע געברויכן.
דער איד איז געווען הונגעריג, ער האט זיך גענומען ארבעטן, ער האט אפגעארבעט אפאר שעה. ווען ער האט געענדיגט בעט ער דעם בעל הבית געלט. דער בעל הבית ווייזט אים אן אז אריבער די גאס איז דא א שטוב וואו מען וועט אים געבן צו עסן.
אנקומענדיג אהין זעט ער א ריזיגער אפאראט פון הכנסת אורחים. מען געבט צו עסן פאר יעדן פון די שענסטע און דאס בעסטע. יעדער באקומט א געלעגער. ער פרעגט זיינע ארומיגע וועלכע ארבעט זיי האבן געארבעט צו באקומען דאס עסן.
הערנדיג די שאלה שמייכלן זיי זיך אונטער. זיי פארשטייען אויף צוריקצוועגס אז אויך ער איז געווען א קרבן צו שווינדלעריי פון דער שווינדלער וועלכער נוצט אויס דער פאקט אז נעבן זיין שטוב איז דא א גרייטע הכנסת אורחים, און פארשקלאפט מענטשן פאר זיינעטוועגן.
"דו האסט נישט געדארפט ארבעטן - דו וואלטסט געקענט באקומען די זעלבע זאך אן ארבעט", זאגן זיי אים.
די זעלבע בחינה איז דא ביי ארבעט. עס איז ריכטיג אז מען דארף טון השתדלות פאר פרנסה, אבער אין די זעלבע צייט דארף מען זיך היטן פון דער יצר הרע.
דער יצר הרע נארט אפ דעם מענטש. ער רעדט אים איין אז אויב ער וויל פרנסה דארף ער ארבעטן שווער פאר איר און אז אין דעם ווענדט זיך די פרנסה פון א מענטש, אבער עס איז ליגנט. די פרנסה באקומען מיר פון הימל, דער בורא כל העולמים איז דער אב הרחמים, ער איז דער זן ומפרנס לכל, ער געבט אונז פרנסה אין יעדן פאל.
די ארגינעלע פלאן פון די וועלט איז אז יעדער זאל באקומען זיינע געברויכן אומזיסט, אבער נאך דעם וואס דער מענטש האט זיך פארזינדיגט פאר'ן בורא כל העולמים איז נגזר געווארן אויפ'ן מענטש א גזירה, די גזירה זאגט אז 'בזעת אפך תאכל לחם', אז דער מענטש מוז ארבעטן צו באקומען די שפייז וואס ער דארף האבן.
מערערע וועגן איז דא ווי אזוי א מענטש קען טרעפן זיין שפייז. עס איז דא פארקויפער און קויפער. עס איז דא אזאנע וואס פארמאגן א פאך און דורך די פאך זענען זיי יוצא די מידה פון השתדלות, אבער דא הייבט זיך אן די פארמעסט פון דער מענטש.
ווען א מענטש טוט עפעס, איז אייביג דא די נסיון צווישן דער קענטעניס און די הצלחה. פאר'ן מענטש זעט אויס אז די יכולת האט געברענגט די הצלחה, כאילו דער פאך האט אין זיך א כח ממשיך צו זיין די שפע פאר'ן מענטש, אבער דער מענטש דארף וויסן אז די שפע וואלט אים געקומען אין יעדן פאל.
עס איז דא וואס רעדן זיך איין אז וייל ער האט אזא שוואכע פאך פארדינט ער אזוי ווייניג און ווען ער וואלט ווען געהאט אן אנדערע פאך - וואלט ער פארדינט מער געלט און געהאט פרנסה בהרחבה.
דער אמת איז אז אלע ביידע מאכן טעותים. די קלארע אמת ליגט אין די ווערטער פון די גמרא אין מסכת קידושין [דף פב] **"שאין עניות מהאומנות ואין עשירות מהאומנות, אלא למי שהעושר שלו"**.
אבער אין די זעלבע צייט איז מען פארפליכטעט עוסק צו זיין אין אן ארבעט וואס איז פאסיג פאר אים, און ווי עס איז דער לשון אין חובת הלבבות: [שער הבטחון אנהייב פרק ד'] **מצווים לחזר על הטרף בהם, עם הבטחון באלוקים כי הטרף בידו ורשותו, ושהוא ערב בו לאדם ומשלימו לו באיזו סיבה שירצה.**
אז מען איז מדייק אין די ווערטער טרעפט מען דא א מורא'דיגע ווארט, דער מחבר שרייבט דא די ווארט: **שהוא ערב בו לאדם.**
דער מחבר אנטדעקט דא דער סוד. ער זאגט פאר'ן מענטש אז הקב"ה איז זיין ערב, ער געבט אים די גאראנטי אז ער וועט האבן אלעס וואס ער דארף. אויפ'ן מענטש ליגט דער פליכט אז ער דארף טון וואס ער האט צו טון און אז איינמאל ער האט עס געטון - קען ער זיין רואיג, ער דארף מער גארנישט טון, וויל ער האט שוין געטון וואס ער האט געדארפט טון, פון דא און ווייטער זאל ער זיך פארלאזן אויף הקב"ה אז ער וועט ממלא זיין די חסרון.
עס מוז נישט זיין אז הקב"ה וועט ממלא זיין די חסרון דורך די באשעפטיגונג וואס ער ארבעט, עס קען זיין אז עס וועט קומען פון אן אנדערע וועג, אבער עס וועט קומען.
די ארבעט איז א כלי. עס איז דא וואס גרייטן אן א גרויסע כלי. זיי ארבעטן שעה'ן אויף שעה'ן אבער זיי זאמלען זיך פרוטות. דאגעגן איז דא וואס ארבעטן ווייניג און זיי באקומען די זעלבע.
די כלי מוז נישט זיין א גרויסער, אבער עס מוז יא זיין א גאנצער. עס מוז שטיין אין די תנאים אז דער איד פירט זיך ערליך און עס בארירט נישט די דריי תפילות וואס ער דאווענט יעדן טאג, זיין אפגעהיטענקייט, זיין שטוב, וויל איינמאל די כלי איז גאנץ, אפילו ער איז קליין - קען די שפע קומען צו גיין.
יהי רצון אז בזכות וואס מיר ווען זיך שטארקן אין אמונה זאלן מיר זוכה זיין צו שפע רב און האבן אלעס וואס מיר דארפן גרינגערהייט און געזונטערהייט, אמן סלה.
**(ארויסגענומען פון שיעור 94 אין שער הבטחון)**

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### זען די ישועה - מיט די אייגענע אויגן

עס דערציילט מיר א איד:
עס איז געווען פאריאר זאת חנוכה ווען אין שטוב האט מען מיר געבעטן צו מאכן די פאלגענדע סגולה, אריינצולייגן אין די גלאזערנע גלעזלעך פון די חנוכה מנורה קוויטלעך מיט בקשות פון זאכן וואס ליגט אצינד אויפ'ן הארצן און א יאר ארום עס ארויסנעמען און זען ווי מען האט געהאט די ישועה.
איך בין קיין סגולה טיפ, אז איך דארף עפעס בעט איך הקב"ה ער זאל מיר העלפן מיט מיינע באדערפענישן.
מיר האבן אויך א הייליגע ירושה פון דוד המלך, ער האט אונז איבערגעלאזט דעם תהלימ'ל, אז כ'האב א בקשה וועל איך זאגן א קאפיטעל תהלים.
איך האב עס נישט געזען ביי מיינע עלטערן און איך האב עס נישט געוואלט טון, אבער דאן האב איך זיך מיישב געווען אז לייגן א קוויטעל אין די גלעזעל איז נישט קיין עבירה.
דאגעגן גייט עס מיין ווייב אין לעבן, שלום בית איז א גרויסע מצוה, איך האב עס געטון.
מיט א צעטיל און א פענע האב איך זיך געזעצט אפשרייבן אלע מיינע בקשה און עס אריינגעלייגט אין די מנורה.
יעצט, א יאר שפעטער, האב איך עס ארויסגענומען די צעטלעך און די רעזולטאטן זענען געווען שטוינענד. בשעתו האב איך אריינגעלייגט דריי בקשות און אלע זענען ערפולט געווארן. די ערשטע בקשה איז גלייך ערפולט געווארן, די צווייטע נושא אביסל שפעטער און די דריטע האב איך בכלל פארגעסן אז איך האב זיך אמאל געספראוועט מיט אזא פראבלעם.
אלע מיינע יארן האב איך געוואוסט אז הקב"ה איז א שומע תפילה, אז ווען מען בעט הערט הקב"ה אויס די תפילה אבער איך האב עס קיינמאל נישט אזוי שטארק אריינגענומען קאפ ווי יעצט, דא האב איך עס געזען אויג אויף אויג.
אין די שיעורים פון הרה"צ רבי יהודה מאנדל שליט"א רעדט ער כסדר פון די נקודה. ער זאגט אז א איד זאל אראפשרייבן די בקשה וואס ער האט און ווי אזוי ער איז געווארן געהאלפן און יעדער איד וועט זען ביי זיך אליין אז זיינע תפילות ברענגען אים אויסטערלישע ישועות.
דער איד וועט זען ווי ער קען פארפאסן א גאנצער בוך פון 'געדאווענט און געהאלפן' ביי זיך אליין.
דער חזון איש זאגט אין א פלאץ אז עס איז דא א ספעציעלער יצר הרע אז א מענטש זאל פארגעסן די ישועה וואס ער האט, וויל אויב א איד וועט געדענקען וועט זיין אמונה בכלל און זיין תפילה בפרט ווערן שטערקער.
דער איד וועט נישט פארגעסן אז ער האט א ליבליכער פאטער אין הימל וואס העלפט אים שטענדיג.
די סגולה קען מען מאכן יעדע ערב ראש חודש אויף די גאנצע חודש, יעדע ערב ראש השנה אויף אגאנץ יאר - וויל דאס שטארקט די אמונה פון א מענטש, עס מאכט אים גלייבן אז הקב"ה הערט אויס די תפילות פון א איד.

**גוט שבת**
**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.
שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633 • פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

**וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין**

## אן אבידה פאר אן אבידה

עס דערציילט א איד פון ירושלים:

איין טאג גייענדיג אויפ'ן גאס האב איך געזען אז עס ליגט אויפ'ן שאסיי א תהלים. איך האב אויפגעהויבן און געעפענט. זעענדיג אז עס שטייט אין איר א תהלים מיט א טעלעפאן נומער האב איך אריינגעקלינגען צו יענער נומער און געפרעגט צי זיי האבן פארלוירן א תהלים.

"יא, מיר האבן פארלוירן א תהלים", האבן זיי געענטפערט מיט א קענטליכע התרגשות.

מיר האבן אויסגעטוישט די אדרעסן און מען האט באשטימט א צייט ווען מען גייט קומען אפנעמען די תהלים.

עס איז אריבער געציילטע מינוטן און מיין טעלעפאן קלינגט. א איד פרעגט צי איך האב פארלוירן א קרעדיט קארטעל און א בערזל. איך האב זיך זייער געוואונדערט אויף די שאלה, איך האב נישט פארלוירן קיין שום בערזל און קיין קארטעלך, איך האב אנגעקלינגען מיין פרוי און זי זאגט מיר אז יא, זי האט די מינוט באמערקט אז עס פעלט איר די בערזל.

איך האב גלייך צוריקגעקלינגען יענעם און מיר האבן זיך אפגעשמועסט זיך צו טרעפן.

איך האב געזען בחוש ווי הקב"ה האט מיר מיטיב געווען, אין זכות פון די ערשטע השבת אבידה איז געקומען די צווייטע.

## א ליכטיגקייט אין תורה - אין זכות פון שמירת עינים

איך בין א מלמד אין א חדר און כ'מוז מיטטיילן א מורא'דיגע מעשה וואס איך האב אליין מיטגעלעבט ביי מיר אין כיתה.

מיר זענען א כיתה פון עטליכע צוואנציג קינדער. עס איז דא אין איר אלע סארטן. א טייל האבן בעסערע כשרונות, א טייל שוואכערע, אבער יענער יאר האב איך געהאט ביי מיר א קינד וואס האט געהאט אויסטערלישע שוואכע כשרונות, ער האט ממש נישט געדענקט קיין לערנען.

מיר האבן געלערנט א גאנצן זמן, מיר האבן געלערנט מסכת יומא, דאס קינד האט געהערט, עס איז אריין אין איין אויער און ארויס פון די צווייטע אויער, ער האט ממש גארנישט אויפגעכאפט.

די ווינטער זמן איז אריבער. דאס קינד האט פראבירט אבער ער האט נישט געקענט.

עס האט זיך אנגעהויבן א זומער זמן, און וואונדער - דאס קינד קען, ער פארשטייט יעדע ווארט וואס מען לערנט. איך האב זיך מורא'דיג געוואונדערט וואס גייט דא פאָר, איך האב א פרעג געגעבן דאס קינד וואס גייט דא פאר? דאס קינד האט מיר ערשטוינט מיט זיין תשובה. ער האט אנגעהויבן צו דערציילן אז מיט א שטיק צייט צוריק האב איך

## א פרישע דירה מיט פרישע געלטער

איך בין אריבער א דירה. ברוך ה' אז די דירה איז א גוטע און א געשמאקע. עס געפינט זיך אין איינס פון די נייע שטעט און מיר האבן געטראפן אין איר א שטיקל הרחבה.

די דירה איז געווען א פיינע. מיר האבן מצליח געווען אריבערצוברענגען אהין אלע מעבל, די רענצלעך, און עס אריינפאסן אין די נייע דירה, אבער איין זאך האבן מיר נישט מצליח געווען אריבערצוברענגען און דאס איז די פרנסה.

אין מיין אמאליגע וואוינארט האב איך געהאט א גוטער כולל, מיין פרוי האט געהאט א פיינע ארבעט, די פרנסה איז געווען סטאביל אבער דא האב איך נישט געהאט די אלע זאכן, איך האב געדארפט אנהייבן פונדאסניי.

די הכנסה איז נישט אריבער, אבער די הוצאות איז יא אריבער, די מארעגדזש געלטער, די שכר לימוד און רוקנדיג זיך נענטער אין ריכטונג פון דער צענטער אין חודש (למספרם) וועלן אלעס דארף באצאלט ווערן זענען מיינע קעשענעס געווען ליידיג.

מיר האבן ממשיך געווען צו זוכן פרנסה, אבער עס איז נישט געקומען צוגיין. טראכטנדיג אזוי וואס איך קען טון, האב איך זיך געזעצט לערנען אין בית המדרש. קיין כולל האב איך דאך נישט געהאט, האב איך געטראכט צו מיר אז כאטשיג די שעה'ן וואס איך פלעג לערנען וועל איך לערנען. אין די זעלבע צייט האט מיין פרוי באשלאסן אז זי וועט אויסהערן די טעלעפאן ליניע און זען וויפיל געלט עס איז דא אין די באנק.

צו איר וואונדער הערט זי אז עס איז אריין א שיינע סומע געלט. זי האט זיך געוואונדערט פון וואו דאס געלט קומט. זי האט מיר אנגעקלינגען פרעגן צי איך האב גענומען א הלוואה פון איינעם, אבער די תשובה איז געווען אז ניין - איך האב נישט גענומען קיין הלוואה פון קיין איינעם.

נאכ'ן איבערקוקן די סיבה, בין איך געוואויר געווארן אז עס איז געווען פארגיטיגונס געלטער וואס עס איז זיך געקומען פאר מיין פרוי נאך דעם וואס זי האט פארלאזט די ערשטע ארבעט.

די סומע האט באטראפן כמעט די גאנצע סומע וואס איך האב געדארפט האבן, אבער עס האט נאך געפעלט אביסל אבער אויף דאס ביסל האט מען משלים געווען. א שטיק צייט שפעטער איז אונטערגעקומען נאך געלט פון ערגעץ און ברוך ה' אז מען האט געקענט דעקן די קאסטן פון די מאנאט.

איינמאל געשעט א נס, האב איך געטראכט צו מיר, און זיך גענומען זוכן א צווייטע ארבעט, אבער דערוויילע האב איך נישט געטראפן, אבער פון די חודש האב איך זיך שוין נישט געזארגט. נאכ'ן זען די אפענע יד ה' האב איך מער נישט געזארגט, און טאקע צו די באשטימטע צייט האב איך באקומען א ידיעה אז איך בין בארעכטיגט צו באקומען געוויסע געלטער וואס איך דארף באקומען געזעצליך.

איך האב זיי איינגעמאהנט, זיי זענען אריין צו מיר אין באנק און איך האב געהאט מיט זיי צו דעקן די קאסטן פון די קומענדיגע חודש.

איך האב געדאנקט הקב"ה אז מיט די נייע דירה איז מיטגעקומען די נייע הכנסות, אז איך זאל קענען באצאלן אלעס וואס איך דארף צו האבן, ווייל הקב"ה פארלאזט נישט קיין איינעם.

## די רעקל וואס האט געווארט אויף מיר

עס דערציילט א יונגערמאן פון די שטאט ביתר: מיין ערציילונג וויל איך אנהייבן מיט א דאנק פאר הקב"ה אז ער האט געשיקט אזעלכע גוטע שלוחים וועלכע ווען פון צייט צו צייט ארגאניזירן ביליגע אויספארקויפונגען וועלכע איז ממש האלב פרייז פון די געוועונליכע פרייזן.

מען פארקויפט דארט אסאך גוטע זאכן און צווישן זיי איז דא פון צייט צו צייט אן אויספארקויף אויף שיינע און גוטע רעקלעך. נאך א מזל אז זיי מאכן עס ווען נישט וואלט איך נישט געהאט קיין געלט צו קויפן א נייער רעקל.

זעענדיג א מעלדונג אז עס גייט פארקומען אן אויספארקויף האב איך זיך געגרייט צו גיין צו די אויספארקויף. אויפ'ן צעטיל איז געשטאנען אז די אויספארקויף וועט זיך אנהייבן אין א געוויסער שעה. האלטנדיג נאך א לענגערע שטיק צייט וואס דער אויספארקויף איז נישט געווען האב איך באשלאסן אז דאסמאל גיי איך קומען פרי - איך וועל זיין דארט באצייטנס צו קענען איינקויפן א גוטער רעקל.

אויסרעכענענדיג די צייט ווען די אויספארקויף קומט פאָר, האב איך געזען אז עס פאלט אויס אין די זעלבע צייט ווען איך בין אין כולל. איך בין דאך א כולל יונגערמאן און עס איז נישט יושר אז איך זאל גיין אויפ'ן חשבון פון כולל.

איך האב זיך געשטארקט אין מיין אמונה, איך האב באשלאסן אז כ'גיי נישט גיין אין

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

פאר לאנגע יארן חלום איך שוין פון אן אייגענע דירה. מערערע מאל האב איך זיך שוין איינגעשריבן צו באקומען סובסידירטע דירות אבער איך האב קיינמאל נישט געווינען. לעצטענס האב איך תורם געווען פאר די ארגינאזאציע 216 שקל כמנין דירה און איך האב זיך נאכאמאל איינגעשריבן אין א גורל און דאסמאל האב איך ברוך ה' געווינען א דירה.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

מעומק הלב וויל איך זיך באדאנקען פאר די וואונדערליכע שיעורים וואס איר געבט דא איבער אויפ'ן האטליניע. די שיעורים זענען מלא וגדוש מיט תוכן, מיט חיזוק, מיט אמונה. מיר לעבן היינט אין א שווערע וועלט. עס איז דא אזויפיל נסיונות און כ'ווייס נישט ווי אזוי כ'וואלט זיך אן עצה געגעבן אן די שיעורים. זיי פולן מיר אן מיט חיות און געבן מיר כח זיך צו פארמעסטן מיט די שוועריגקייטן פון די וועלט, איך דאנק אייך זייער שטארק.

די זעלבע צייט ווען איך האב כולל.
איי וואס וועט זיין מיט די רעקל? וואס עס וועט זיין באשערט פאר מיר וועט בלייבן, ווייל דאס איז זיכער אז פון אראפציפן כולל צייט פארדינט מען נישט. איך האב זיך געשטארקט אין די אמונה און איך בין געבליבן אין כולל.
די כולל ענדיגט זיך זיבענע, אבער דאן איז דא נאך א רציפות סדר, עס איז נישט א טייל פון די כולל אבער אלעמאל בלייב איך ביי איר, איך האב באשלאסן אז דאסמאל גיי איך אויך בלייבן. איך בין געבליבן און נאר ניין אזייגער ביינאכט בין איך אריבער צו די אויספארקויף.
איך האב געטראפן ליידיגע טישן, איך האב געפרעגט דער פארקויפער צי עס איז נאך דא עפעס. יענער האט מיר געוויזן אויף עטליכע געבליבענע זאכן. איך האב זיי באטראכט אבער קיין איינער פון זיי איז נישט געווען מיין מאס.
דער פארקויפער האט מיר גע'עצה'ט נישט צו קוקן אויף די מאס נאר זיי אנצופראבירן און אויב זיי געפעלן מיר זאל איך זיי נעמען. איך האב אזוי געטון און זיי זענען געשטאנען פונקט גוט פאר מיר.
איך האב געזען פון דעם מיט א קלארקייט אז פון גיין מיט ערליכקייט און נישט אויפגעבן כולל צייט דערלייגט מען גארנישט - ווייל פון תורה דערלייגט מען גארנישט.

## ביים שוועל פון באנק

יעדער איד וואס קויפט א דירה ווייסט אז א מארגעדזש איז א שווערע זאך. עס איז סיי שווער צו צאלן יעדע חודש אבער עס איז אויך שווער ווען מען דארף עס ארויסנעמען. איידער מען באקומט די מארגעדזש דארף מען אריבערגיין א לאנג פארצויגענער פראצעדור, מען דארף אויספולן אסאך צעטלעך און ווארטן ביז ווען די באנק באשטעטיגט עס.
ביי מיר איז עס אנגעקומען עקסטער שווער. איך בין שוין געווען אויפ'ן שוועל פון יאוש, איך בין שוין געווען זיכער אז איך גיי נישט באקומען קיין מארגעדזש.
איין טאג קום איך אין באנק אויף א באגעגעניש. איך האב דעבאטירט די אויסוועגן ווי אזוי איך קען באקומען א מארגעדזש, אבער די באנק זאגט מיר אז דערווייל גייט עס נישט.
ארויסגייענדיג פון באנק מיט א שווערע געמיט, האב איך באגעגענט א באקאנטער צדקה עסקן. מיר זענען גוט באקאנט. דער עסקן דערציילט מיר אז ער איז דא ארויסצוהעלפן א איד, ער וויל אים ארייַנלייגן אין באנק געלט אז ער זאל זיך קענען ארויסזען פון זיין צרה.
דער עסקן האט מיר געפרעגט צי איך וויל אנטיילנעמען אין די מצוה. איך האב באשלאסן אז יא, איך האב געגעבן א שיינע סומע געלט זאגנדיג אז איך געב עס אים בתנאי אז ער גייט דאווענען פאר מיר, ער גייט בעטן ביי הקב"ה אז די באנק זאל מיר באשטעטיגן די מארגעדזש.
דער עסקן האט גענומען דאס געלט און הייס פארשפראכן אז ער גייט דאווענען פאר מיר. עס איז נישט אריבער קיין שעה צייט און דער באנק קלינגט מיר אן און זאגן מיר אז עס איז געווען א טויש אין די ענינים און אז ענדע האט דער באנק געגעבן א באשטעטיגונג אויף די מארגעדזש.
איך האב געקלינגען דעם עסקן און זיך באדאנקט פאר אים, דער עסקן האט מיר דערציילט אז גלייך נאך דעם וואס איך האב געבעטן מיין בקשה האט ער זיך געשטעלט דאווענען פאר מיר און מען האט גע'פועל'ט א ישועה.

## אין זכות פון די מצות מעשר

איך האב איין טאג דערהאלטן א סומע געלט פון 2000 שקל. איך האב דאס געלט אראפגעלייגט אויפ'ן טיש און שפעטער האבן מיר זיך געזעצט עסן נאכטאמאל.
נאכ'ן עסן האט מען אפגערוימט די טיש און אומוועלנדיג האט מען עס אריינגעלייגט אין מיסט און אראפגעטראגן די מיסט צו די גרויסע גארבעדזש.
יענער טאג האב איך דערהאלטן נאך א זעקל פון געלט און ביינאכט נאכ'ן עסן האב איך זיך געגרייט אראפצונעמען מעשר געלט פון ביידע געלטער. איך האב אנגעהויבן רעכענען די געלטער און איך געב א פרעג פאר מיין פרוי וואו דאס געלט איז און צי זי האט געזען די ענוועלאפ מיט געלט.
"די קאנווערט האב איך געזען, איך האב עס אריינגעלייגט אין מיסט, איך בין געווען זיכער אז דאס געלט איז נישט אין איר".
איך האב איר פארראכטן און געזאגט אז עס איז יא געווען אין איר. וויסנדיג אז עס איז יא געווען אין איר, זענען מיר ביידע אראפ אין גאס און אפירגעזוכט דעם מיסט זעקל. מיר האבן עס געטראפן און ארויסגענומען פון איר דאס געלט.
איך האב געזען בחוש ווי אזוי דורך געבן מעשר געלט - קומט אריין א ברכה אין די געלט.
נאר ווען איך געטראכט אראפצונעמען מעשר האב איך געזען אז עס פעלט מיר דאס געלט.

ארומגערעדט אין די כיתה איבער רבי מתיא בן חרש, מען האט גערעדט איבער די סגולה פון אים, אבער אויך איבער זיין שמירת עינים, אז ער האט פארברענט זיינע אויגן נישט צו זען א דבר טמא.
הערנדיג דאס האב איך באשלאסן אז כ'גיי זיך אנהייבן היטן די אויגן. קעגן וואו מיר וואוינען איז דא א פרייע שולע. איך פלעג זיין געוואוינט צו קוקן אהין אבער נאך די מעשה האב איך זיך פארגענומען אז מער גיי איך נישט קוקן דארט.
אין די זעלבע צייט האב איך אויך געדאווענט צו הקב"ה ער זאל מיר העלפן אז איך זאל קענען לערנען תורה, און ברוך ה' אז די תורה קוועלער האבן זיך געעפענט און איך פארשטיי שוין די תורה.

## שבת - די מקור הברכה

אין א גוטע שעה האב איך געקויפט א דירה אין בני ברק. איך האב געהאט רוב געלט פאר די דירה, אבער עס איז מיר געבליבן א לאך פון 150 טויזנט שקל.
אז מען רעכענט עס רעלאטיוו צו די גאנצע דירה איז עס ממש קליינגעלט אבער פאר מיר איז דאס געווען א גרויסע סומע, און נישט האבנדיג פון וואו עס צו נעמען בין איך געווארן זייער פאר'דאגה'עט וועגן דעם.
עס איז געווען א פרייטאג נאכמיטאג ווען איך האב אריינגעקלינגען אין א האטליניע פון איינער פון די משפיעים אין אונזער דור. דער משפיע האט געגעבן א שמועס איבער די כח פון שבת המלכה און אז עס לוינט נישט צו זארגן שבת וועגן געלט.
"א נאַר איז דער וואס דאגה'ט שבת וועגן געלט", האט ער אויסגעפירט און באטאנט אז שבת איז דער מקור הברכה, פון איר קומט די גאנצע געלט אויף א גאנצער וואך, דווקא ווען מען שאלטערט זיך אויס פון אלע וואכענדיגע זאכן קומט די ברכה צו גיין.
זיינע ווערטער זענען מיר אריין אין די ביינער. אויפ'ן פלאץ האב איך געמאכט א קבלה טובה אז שבת גיי איך נישט דאגה'נען. איך וועל זיך פירן ווי אלעס איז אין פלאץ, ווי די לשון פון חז"ל איז, כאילו כל מלאכתך עשויה, ווי איך בין דער גרעסטער גביר, ווי די דירה איז שוין אויסגעצאלט.
עס איז נישט געווען אזוי גרינג, אבער ברוך ה' אז איך בין געשטאנען אין די נסיון.
נאך שבת האב איך געזאגט פאר'ן רבוש"ע אז ברוך ה' אז שבת האט מיר גארנישט געפעלט - איך בעט דיר אז אויך אין די וואכענטעג זאל מיר גארנישט פעלן.
ביסלעכווייז האב איך אנגעהויבן צוזאמענקראצן דאס געלט. ביז צו די קומענדיגע שבת האב איך שוין געהאט א גרויס חלק פון דאס געלט, דעם קומענדיגן שבת האב איך זיך ווייטער אזוי געפירט, און ברוך ה' אז איך האב געהאט א גרויס חלק פון דאס געלט און אזוי האט זיך עס ווייטער געפירט ביז ענדע האב איך געהאט דאס גאנצע געלט און געקענט אריינגיין אין מיין דירה באצייטנס.
איך האב געזען בחוש ווי אזוי דער שב"ק איז משפיע שפע רב פאר יעדן איד.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.
אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

פארבינדט זיך מיט אונז
אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** | דריקט 6

| העברה לבנק לאומי | משלוח בדואר | בעמדות נדרים פלוס |
| --- | --- | --- |
| סניף 902 \| חשבון 57390056 | לת.ד. 5475 ירושלים | ע"ש השגחה פרטית |

# לשונם הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### די בעסטע מידה וואס קען זיין

מכאן אמר בן עזאי וכו׳. הרוצה להיות נאמן רוח בוטח בה׳, יהיו הדברים האלה לטוטפות בין עיניו, וצדיק באמונתו יחיה. בניי, תהא מידה זו קבועה במסמרות אצלכם, שאין לך מידה טובה הימנה.

(אורות אלים לבעל הפלא יועץ)

### אפילו א נגיעה - קען ער נישט געבן

מה שכתוב ״אין אדם נוגע״, ולא אמרו אין אדם נוטל או לוקח, הכוונה על פי המעשה, שהיה טמון בקרקע צלוחית מלאה אבנים טובות, ובאותו קרקע היו תוקעים שם אוהלים חורי הארץ בכל שנה בימות הקיץ, לשאוב רוח טוב שם, והיו תוקעים יתדות האוהל סמוך לאותה הצלוחית, שאין ביניהם לבינה אלא טפח, ובמקום הצלוחית לא היו תוקעים, וכך היה מנהגם בכל שנה ושנה כמה שנים. ופעם אחת בא אדם אחד לתקוע אוהל שם, ותקע היתד במקום הצלוחית, ואז הרגיש בה ולקחה. ולזה אמרו ״אין אדם נוגע וכו׳״, שכל אותם שקדמו לזה, לא היו נוגעים במקום הצלוחית, שהיא מוכנת לזה האחרון.

(בן יהוידע)

### בטחון איז מציל פון לשון הרע

יראה להתחזק תמיד את עצמו במידת הבטחון, כי מלבד שהיא מידה קדושה ומוכרחת לדרך עבודה התכליתי, עוד זאת צריכה מאוד לעניין מידת שמירת הלשון, כי ידוע הוא שכמה פעמים ירע לבו מאוד על חבירו, והיצר מסיתו לילך ולפרסמו לאיש רע ובליעל, על דבר שלפי דעתו נגע לו בעסקו או שנגרע לו מכבודו על ידו, וקשה לו מאוד להתגבר על יצרו בעניין זה. אבל כאשר יתיישב האדם בדעתו למה שאמרו חז״ל ״שאין אדם נוגע במוכן לחברו אפילו כמלא נימא״, ולכל אחד יינתן מה שנגזר עליו מן השמים, הן לעניין כבוד והן לעניין ממון, [...] אז ירף ממנו היצר.

(חפץ חיים שמירת הלשון פרק ט)

### אין אדם נוגע במוכן לחברו

**מכאן** ממעשה בית גרמו ובית אבטינס, שביקשו חכמים לדחותם ממקומם ולא יכלו, **אמר בן עזאי:** אל ידאג האדם לומר פלוני יקפח פרנסתי, כי על כורחך בעת הראויה לכך **בשמך יקראוך** לבוא ולשוב למלאכתך, **ובמקומך יושיבוך, ומשלך יתנו לך** מה שאחרים נותנים לך אינו משלהם, אלא הוא משלך ומזונות קצובים לך מן השמים, כי **אין אדם נוגע במוכן לחבירו** מה שמזמנין לאדם מן השמים להיות פרנסתו בכך, אין שום אדם יכול לקחת ממנו.

(מסכת יומא לח.)

### ניצול ווערן פון די מינדעסטע צער

אמנם, יש מי שסכלותו רבה כל כך, עד שאם יראה לחבירו איזה טובה, יתעשש בעצמו וידאג ויצטער, עד שאפילו הטובות שבידו לא יהנוהו מצער מה שהוא רואה ביד חבירו, והוא מה שאמר עליו החכם ״ורקב עצמות קנאה״. אמנם יש אחרים שאינם מצטערים וכואבים כל כך, אף על פי כן ירגישו בעצמם איזה צער, ולפחות יתקרר רוחם בראותם אחד עולה איזה מעלה יתירה, אם לא יהיה מאוהביו היותר דבקים לו, כל שכן אם מאותם אשר אין לו אהבה רבה עמו הוא, כל שכן אם יהיה גר מארץ אחרת. ותראה שבפיהם אפשר שיאמרו דברים כשמחים או מודים על טובתו, אך לבם רעה בקרבם. והוא דבר יארע על הרוב ברוב בני האדם, כי אף על פי שלא יהיו בעלי קנאה ממש, אמנם לא ניקו ממנה לגמרי, כל שכן אם בעל אומנותו מצליח בה, שכבר כל אומן סני לחבריה, וכל שכן אם מצליח בה יותר ממנו. ואמנם, לו ידעו ולו יבינו כי אין אדם נוגע במוכן לחבירו אפילו כמלא נימא, והכל כאשר לכל מה׳ הוא כפי עצתו הנפלאה וחכמתו הבלתי נודעת, והנה לא היה להם טעם להצטער בטובת רעיהם כלל.

(מסילת ישרים פרק יא)

## א פינטעלע ליכטיגקייט
### אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

אין די פרשה פון ויחי בענטשט יעקב אבינו זיינע קינדער. די תוה״ק רעכנט אויס די באציהונג צו יעדן קינד און מען זעט אז גלייך ביי די ערשטע דריי קינדער אז די ערשטע דריי קינדער באקומען די פארקערטע פון א ברכה, זיי באקומען א מוסר שמועס איבער זייער פירונג.

אז מען לערנט אפ די געשעעניש און מען זעט שפעטער ווי די זאך דרייט זיך איבער ווען מען קומט אן צו יהודה און דארט ווערט יהודה אויסגעלויבט און באשטימט אלץ דער מלך עד כדי כך אז זיין נאמען איז געווארן דער סימבאל פון א איד, אז יהודה מיינט יהודי, הייבט מען צו טראכטן אז מעגליך אז די עלטערע ברידער האבן געהאט קנאה אויף די יונגערע ברידער.

אבער דא לערנען מיר זיך אויס א שטארקע און א באדייטפולע נקודה. מיר ווייסן אז הקב״ה האט באשאפן די וועלט און עס איז דא אין איר אסאך סארטן באשעפענישן. קעגן די רייכע און די געזונטע איז דא די ארעמע און די אומגעזונטע. קעגן די וואס האבן אין זיך א טאלאנט צו געזעלשאפט איז דא איינזאמע.

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור
### פון הרה״צ ר׳ יהודה מאנדעל שליט״א פון לעיקוואוד
### יעדער איינער מיט זיין פערזענליכער ציל

יעדער איינער איז דא אויף די וועלט און זיינע תכונות זענען לויט די ציל וואס ער דארף אויספירן אויף די וועלט. דער ענדגילטיגער ציל איז אז יעדער זאל אויספירן די ציל פארוואס ער איז דא אויף די וועלט.

אסאך מאל זעט זיך אויס ווי איינער איז א מוצלח און דער צווייטער איז א שלימזל, אבער כלפי שמיא מאכט עס נישט קיין חילוק. אויך דער מוצלח מוז אויספירן זיין חלום אויף די וועלט און דער שלימזל מוז אנערקענען אז אלעס איז זיין טובה.

אז מען וועט באגרייפן די נקודה וועט מען קומען צו די אנערקענונג אז יעדער זאך אויף דעם עולם וואס מיר גייען אריבער איז פאר אונזער טובה. אמאל וועט מען מגלה זיין אז דווקא די חסרונות און די שוועריגקייטן וואס מיר גייען אריבער איז פאר אונזער טובה וועגן.

אז א מענטש וועט אנערקענען די נקודה וועט ער זוכה זיין אויסצושטייגן הויך און אנקומען צו גרויסע זאכן אויף די וועלט.


# קלינג אריין
# שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע
אידן פון די גאנצע
וועלט
**לעבן א בעסערע און**
**א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה
פרטית ליניע

**זיי דן אויך פון די**
**גליקליכע - מאך**
**דעם טעלעפאן**
**קאלל**
און הייב אן לעבן
א רואיגערע און
באַטעמ׳טע לעבן פול
מיט מנוחת הנפש און
ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה״ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633